**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/2/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פירט איין א צייטווייליגע ברען-פארבאט לענגאויס די סטעיט, צוליב א פארגרעסערטע פייער ריזיקע**

***ניו יארקער געמוטיגט צו אפהיטן וואסער דורכאויס אנגייענדע טרוקעניש אומשטענדן***

***זעהט מאפע פון [ניו יארק סטעיט פייער געפאר](#) און מאפע פון [ניו יארק סטעיט טרוקעניש אומשטענדן](#)***

***ניו יארק סטעיט פייערלעשער מאנשאפט קערן זיך צוריק פון די מערב וואלדפייער, מען קען זעהן בילדער פון די איידעהאו (Idaho) פייער [דא](#)***

**לייענט די [מעלדונג דא](#)**

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), האבן היינט געמאלדן אז א ברען-פארבאט לענגאויס די סטעיט גייט אריין אין קראפט היינט, אקטאבער 2 צוליב [פארגרעסערטע פייער ריזיקע](#) און אנגייענדע טרוקענע אומשטענדן. די פארבאט וועט זיין אין קראפט פאר 14 טעג פון אקטאבער 2 ביז אקטארבער 15 און וועט ווערן אפגעשאצט נאכאמאל איידער עס לויפט אויס. דורך אויספאלגן די פארבאט אויף מערסטע דרויסנדע פייערן און באשיצן וואסער סופליי דורך ווייטער שפארן וואסער ווען נאר מעגליך, קענען ניו יארקער העלפן צו פארמיידן פייערן אין קאמיוניטיס און אין די בעק-קאונטרי.

"די אנגייענדע שיינע וועטער איז גוט פאר קוקן אויף די הערבסט בלעטער אדער זיך צאמקומען מיט פריינט, אבער עס ברענגט אויך א פארגרעסערטע ריזיקע פאר פייערן וואס שטעלן הייזער, ביזניסער און אונזער דרייסטע ערשטע-רעספאנדער אין ריזיקע," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אסאך געגנטער האבן שוין א טרוקעניש וואטש אדער ווארענונג צוליב די טרוקענע אומשטענדן און מיט די שטייגנדע פייער ריזיקע אין געוויסע טיילן פון די סטעיט איז וויכטיג צו האלטן יעדע איינער פארזיכערט דורך איינפירן די צייטווייליגע ברען-פארבאט."

די ברען-פארבאט לענגאויס די סטעיט וואס איז יעצט אין קראפט פארבאט אנצוצינדן דרויסנדיגע פייערן פאר צוועקן פון אוועקנעמען בלעטער הויפנס און ברוכווארג, ווי אזוי אויך נישט איינגעהאלטענע פייערן, ארייגערעכנט קעמפט-פייערן און אפענע פייערן געניצט צו קאכן. פייער פיטס אין די הויף און ארומגענומענע קעמפ-פייערן וועניגער פון דריי פיס אין די הייעך און פיר פיס אין די לענג, ברייט אדער דיאמעטער זענען ערלויבט, און אזוי אויך קליינע ארומגענומענע קאכן פייערן. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז שוין פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט און עטליכע מיוניציפאלן האבן יעצט ברען פארבאטן אין קראפט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישענער Amanda Lefton (עמענדע לעפטאן) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז געבענטשט צו האבן טייל פון די בעסטע וואלדפייער פייערלעשער אינעם לאנד צו באשיצן אונזער וועלדער און קאמיוניטיס. ניו יארקער קענען העלפן מיט זיי האלטן פארזיכערט צוזאמען מיט אונזער הילפסמיטלען דורך ארבעטן צו פארמיידן פייערן פונעם אנהייב. מיטן טוען פולשטענדיג שטיצן גאווערנער Hochul's (האקול'ס) באשלוס צו פארבאטן דרויסנדיגע פייערן ביז די אומשטענדן גייען צוריק צו מער פערזיכערטע שאפלען און מיר טוען ווייטער מוטיגן ניו יארקער צו העלפן שפארן וואסער כדי אז מיר זאלן האבן גענוג סופליי פאר קעמפן פייערן און אנדערע וויכטיגע באנוץ."

**פייער געפאר**

לעצטיגע טרוקענע אומשטענדן פאראורזאכן א "הויכע" פייער געפאר פאר די דרום טייל (Southern Tier), לעיק אנטאריא ערטער (Lake Ontario Plains), סעינט לאורענס (St. Lawrence), אדריאנדאק (Adirondack), הויכע פיעקס (High Peaks) און אפער האדסאן טשעמפלעין (Upper Hudson Champlain) פייער געפאר ראטע געגנטער. א הויכע פייער סכנה מיינט אז אלע דינע, טויטע ברענשטאף צינדן זיך גרינגערהייט אן און פייערן הויבן זיך גרינגערהייט אן פון יעדע אורזאך, אריינרעכענענדיג האלץ פייערן און קעמפ פייערן אן השגחה. די איבעריגע טיילן פונעם סטעיט בלייבן אין "מעסיגע" פייער געפאר, וואס מיינט אז פייערן קענען זיך אנהייבן דורך די מערסטע צופעליגע זאכן.

די יעצטיגע [פייער געפאר מאפע](#) איז דא צו באקומען אויף די [DEC וועבזייטל](#).

טייל פון די סיבה פון די הויכע פייער ריזיקע איז צוליב שטארקע ווינטן און נידריגערע רעלאטיווע פייכטקייט וואס ווערן פארגעשאצט דורכאויס אן עקזיסטירנדע פארלענגערטע טרוקעניש. סיי וועלכע באדייטנדע רעגנס לעצטע וואך זענען נישט געווען פארשפרייט און כאטש אז די שטארקע ווינטן זענען ערווארטעט צו זיך בארואיג'ן, זענען די טרוקענע אומשטענדן ערווארטעט צו אנהאלטן פאר כאטש נאך א וואך.

זייט די אנהייב פון אגוסט, האבן וואלד קעמפער ריאגירט צו 64 וועלדער פייערן לענגאויס די סטעיט. פייערן קענען ווערן ערנסט און שווער צו ברענגען אונטער קאנטראל אויב זיי ווערן נישט אטאקירט מיט הצלחה בשעת עס איז נאך קליין.

**אינדרויסן-פון-סטעיט הילף**

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז עס איז זיכערערהייט צוריקגעקומען 14 וועלדער פייערלעשער וואס זענען געפירט געווארן דורך די DEC וואלד קעמפער נאכ'ן זיין איינגעשטעלט פאר צוויי וואכן אין איידעהאו, מאנטאנא (Montana) און וואשינגטאן (Washington). א גרופע פון 10-מענטשן צוזאמגעשטעלט פון די DEC's איינהייט פון לאנד און וועלדער (Division of Lands and Forests) און וואלד קעמפער (Forest Rangers) האבן געהאלפן מיט פייערלעשער באמיאונגען אויף די איסט (East) און מייער (Mire) פייערן אין צפון איידעהאו. נאך א וואלד קעמפער איז געווארן געשיקט צו די קעטלסנעיק (Rattlesnake) פייער אין אינדזשוליאום (Inchelium), וואשינגטאן און דריי וואלד קעמפער זענען געשיקט געווארן צו די געגנט פון העלענע (Helena), מאנטענע

**צוריקקערנדע מאנשאפט**

אינדזשוליאום, וואשינגטאן

- David Kallen (דעיוויד קעלען) – פליכט איינהייט וואלד קעמפער - פירער קעפטעין, נארטוויל

העלענע, מאנטאנא

- Richard Franke (ריטשארד פרענק) - וואלד קעמפער, ליווינגסטאן מענאר ( Livingston Manor)
- Scott Sabo (סקאט סעבאו) - וואלד קעמפער, ניוקאם (Newcomb)
- Nathan Sprague (נעיטען ספרעג) - וואלד קעמפער, אורטשארד פארק (Orchard Park)

Nez Perce (נעז פערסי) -קליערוואטער נאציאנאלע וואלד (Clearwater National Forests), איידעהאו

- Samantha Acampora (סמאנטא אקעמפארע) - איינהייט פון לאנד און וועלדער, פארט דזשעפערסאן (Port Jefferson)
- James Canevari (דשעימס קאנאווארי) - איינהייט פון לאנד און וועלדער, הערמאן (Hermon)
- David Corey (דעיוויד קארעי) - וואלד קעמפער, טאפער לעיק (Tupper Lake)
- Eric Egger (עריק עגער) - איינהייט פון לאנד און וועלדער, הארנעל (Hornell)
- Robert Hamm (ראבערט האם) - וואלד קעמפער, מעיפיעלד (Mayfield)
- Andrew Lewis (ענדראו לעוויס) - וואלד קעמפער, קין (Keene)
- Chet Lunt (טשעט לאנט) - וואלד קעמפער לוטענאנט, פאביאס (Fabius)
- Christopher Pelrah (קריסטאפער פעלרא) - וואלד קעמפער, בונוויל (Boonville)
- John Rusher (דזשאן ראושער) - וואלד קעמפער, היילענד (Highland)
- Timothy Yeatts (טימאטי ייטס) - איינהייט פון לאנד און וועלדער, אקאורד (Accord)

**טרוקעניש ווארענונגען און וואטשעס**
די טרוקענע וועטער איז אויך צוליב די טרוקעניש ווארענונג וואס איז אין קראפט פאר 12 קאונטיס אין די אדריאנדאק און דרום טייל געגנטער. א טרוקעניש וואטש בלייבט אין קראפט פאר די איבעריגע טיילן פון די סטעיט אויסער ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער קאונטי. זעהט מאפע פון ניו יארק סטעיט טרוקעניש אומשטענדן דורך באזוכן די [DEC'ס וועבזייטל](https://).

ניו יארק סטעיט טוט מוטיגן איינוואוינער, אריינגערעכנט די וועלכע זענען אנגעווענדן אין פריוואטע אונטערערדישע וואסער קוועלער, צו שפארן וואסער ווען נאר מעגליך דורכאויס די קומענדיגע וואכן.

עס זענען דא פיר שטאפלען פון סטעיט טרוקעניש אנווייזונגען: קוקט אויס, ווארענונג, עמערדזשענסי און דייזעסטער. עס זענען נישט דא קיין פארלאנגטע באגרעניצונגען אונטער א סטעיט טרוקעניש וואטש אדער ווארענונג. א ווארענונג דעקלעראציע איז א נאטיץ פון ערווארטעט און זאפארטיגע שווערע טרוקעניש אומשטענדן און רעכנט אריין פארמערן פובליק באקאנטשאפט און פרייוויליגע וואסער שפארונג. פובליק וואסער סופליי ליפערערן און אינדוסטריעס ווערן געמוטיג צו ווייטער איינפירן לאקאלע טרוקעניש מעגליכקייט פלענער.

**וואסער שפארונג טיפס**
כדי צו שפארן וואסער ריסאורסעס, ווערן וואסער באנוצער געמוטיגט צו רעדוצירן דרויסנדיגע וואסער באנוץ פונעם אייגענעם ווילן און אויספאלגן די עצות:

- באוואסערן גראז נאר ווען עס פעלט זיך אויס, אויסוועלן באוואסערן מיטלען וועלכע פארמיידן איבעריגע וואסער באניץ, און באוואסערן אין די פריע פארמיטאג שעות כדי צו רעדוצירן עוואפאורעישען און מאקסימיזירן די וואסער וואס די ערד באקומט;
- נוצט איבער וואסער צאמגענומען אין רעגן פעסער, דיהומידיפייערס, אדער עיר-קאנדישענערס אויף צו באוועסערן געוואקסן;
- פארלענגערן די שניידן-הייך פון גראז שניידער. לענגערע גראזן זענען געזונטער און מיט שטערקערעווארצלען און נייטיגן זיך אין וויניגער וואסער;
- נוצט א בעזעם, נישט קיין וואסער רער, צו רייניגן דרייוו-וועיס און סיידוואקס;

- פאררעכט לעכער אין פייפס, וואסער רערן, און קראנען;
- וואשט נאר פולע לאודס פון געשיר און וועש;
- נעמט קורצערע שויערס אדער פולט אן די וואנע נאר טיילווייז;
- שטעלט אריין פלאמבינג פיקסטשערס וועלכע שפארן וואסער;
- לאזט נישט די וואסער פונעם קראן לויפן כדי צו מאכן די וואסער הייס אדער קאלט;
- וואש קארס ווייניגער אפט.

**קענט אייער וואסער**
די פובליק קען זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע וואסער סיסטעם פאר אינפארמאציע איבער טורקעניש גרייטקייט, ווירקונגען און אנטווארט נאטיצן און אקטיוויטעטן. נאך טיפס פאר די פובליק אויף וואסער שפארונג קען אויך געטראפן ווערן אין יעדער וואסער סיסטעם יערליכע וואסער קקוואליטעט באריכט (Annual Water Quality Report, AWQR)

וואסער סיסטעם קאנטאקט אינפארמאציע און AWQR's קענען מיט טרעפן נוצענדיג די [קענט אייער NY](#) [וואסער וועבזייטל](#) אדער וואסער סיסטעמען אייגענע וועבזייטל.

**שטיצע פאר פארמער**
עס איז רעקאמענדירט אז אויף-פארם וואסער סופליי ווערן באוואכט רעגעלמעסיג, און שזארגן ווערן קאמיוניקירט מיט קאונטי עמערדשענסי פאראוואלטונג און לאקאלע ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס. די[Cornell Cooperative Extension Disaster Education Network](#) און די [ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( New York State Department of Agriculture and Markets)](#) שטעלן צו נאך הילפסמיטלען און לאקאלע שטיצע.

**עקאסיסטעמען**
טרוקעניש אומשטענד קענען ווירקן אויף וואסער און ערדישע עקאסיסטעמען. פארמינערטע וואסער פלוס קען ווירקן אויף די געזונט פון די לעבן אין וואסער. פארמינערטע רעגן קען ווירקן אויף וואסער געוויקסן און באשעפענישן דורך פארמינערטע געוויקסן וואוקס. טרוקעניש אומשטענדן קען זיין א פאקטאר וואס געט צו צו שעדפולע אלגיי בליה (Harmful Algae Bloom, HAB) פארמירונג. נאך פאקטארן, אריינגערעכנט רואיגע, זוניג און ווארעמע טעג און טוישענדע געמישטע דינאמיקס קען שאפן אומשטענדן וועלכע געט צו צו HAB פארמירונג. די DEC האלט אן א [HAB's באריכטן און נאטיפיקאציע בלאט](#) פון וואסער באשעפענישן וועלכע טוהן יעצט בליען.

**וואלדפייער פארמיידונג**
ווען [וואלדפייער ריזיקע](#) איז געהעכערט, זאלן פייער דעפארטמענטס זיכער מאכן אז זייער וואסער קוואלן האבן גענוג סופליי און אז די אריננעמער פאר טרוקענע היידרענטס זענען גענוג טיף אריינגעלייגט.

**פריוואטע וואסער ברונעמס הילף**
פאר הילף מיט וואסער ברונעמס וואס קענען ווערן אפעקטירט דורך טרוקעניש:

- [פארבונדט זיך מיט א רעגיסטרירטע וואסער ברונעם קאנטראקטאר](#) צו איבערשמעוסן פאסיגע אויסוואלן פאר אייער פערזענליכע צושטאנד.
- מאכט זיכער אז די ברונעם איז טרוקן צוליב טרוקעניש און נישט צוליב אן אנדערע פראבלעם. אפטמאל איז די לעזונג גאנץ איינפאך, אזוי ווי א צובראכענע וועלו אדער א עלעקטרישע פראבלעם. די איינציגסטע וועג צו פעסטשטעלן אויב א ברונעם איז טרוקן איז צו מעסטן די וואסער שטאפלען אין די ברונעם.

- היט אפ וואסער דורכאויס די יאר צו העלפן פארמיידן די ווירקונגען פון טרוקעניש אויף וואסער ברונעמס.
- נעמט אין באטראכט צוצולייגן א וואסער סטארעדזש טאנק צו העלפן אדורכגיין טרוקענע צייטן.
- רייניג אדער מאכט איבער עקזיסטירנדע ברונעמס.
- מאך טיפער עקזיסטירנדע ברונעמס אדער גראבט א נייע ברונעם. אויב איר גראבט א נייע ברונעם, ווארפט געהעריג צאם די אלטע ברונעם צו אפהיטן ערדוואסער קוואליטעט.

פאר מער עצות וויאזוי צו שפארן וואסער, באזוכט DEC's וואסער באניץ און שפארונג וועב-בלאט. פאר מער אינפארמאציע איבער טרוקעניש אין ניו יארק, באזוכט DEC's וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן